# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' קדושים
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ח

## פראגע

**איך האט פריער דערציילט א מעשה איבער א אידישע מיידל אינעם מיטל-אלטער וועם די אנטיסעמיטן האבן צוגעבינדן צו א פערד און זי איז געווארן ארומגעשלעפט ביז צו איר טויט ה"י. פארוואס פראוווט דער אויבערשטער זיינע קינדער אזוי ביטער שווער אז א וואוילע אידישע טאכטער האט געדארפט אזוי גע'הרג'עט ווערן?**

## ענטפער:

**און** דער ענטפער, מיין פריינד, איז ווי פאלגענד:

ווען מען גייט צו א חתונה, מען קומט אריין אינעם קארידאר איז דא א צימער וואו עס שטייט איינער און ער נעמט דיין מאנטל און אנשטאט דיין טייערע מאנטל גיבט ער דיר א קליינע צעטעלע. עס קוקט אויס די נארישסטע זאך וואס איז מעגליך. אויב א קינד קוקט דאס צו, טראכט ער אז מענטשן זענען משוגע. זיי טוישן אויף זייערע גוטע מאנטלען און באקומען צוריק א קליין פאפירל?! **ער** וואלט נישט געטון אזא נארישע זאך!

אבער ווען מען ווייסט די געשיכטע הינטער דעם, אז עס איז דא אינעווייניג א גרויסע זאל און עס ווערט סערווירט דארט א ברייטע סעודה, וואו מען זיצט און מען דערקוויקט זיך און מען האט הנאה, און ווען עס ענדיגט זיך דער באנקעט גייט מען צוריק און מען באקומט צוריק דעם מאנטל, דעמאלסט הייבט עס אן צו האבן פשט.

וואן א מענטש ווייסט נישט וועגן עולם הבא און ער זעט אז מיר דארפן איבערגעבן אונזערע קערפער ווערט ער נערוועז. און אסאך מאל גיבט דער באאמטער וואס שטייט דארט נישט בלויז א טיקעט, נאר מיט די טיקעט גיבט ער נאך א זעץ אין פנים. עס פאסירט.

אזוי ווי היטלער. היטלער איז געווען זייער א ווילטיגער מאנטל-שטוב ארבייטער. ער האט צוגענומען די מאנטלען פון מיליאנען אידן. זיי האבן אים אלע איבערגעגעבן זייערע קערפערס. אויב ווייסט מען נישט פון עולם הבא האט די גאנצע זאך נישט קיין פשט אז מען דארף אוועקגעבן די קערפערס.

אבער מיר דארפן פארשטיין אז מיר געבן אוועק אונזערע קערפערס, נישט וויבאלד דא ענדיגט זיך די מעשה. די קרעמיטאריומס איז נישט די ענדע פון די געשיכטע. עס איז בלויז דער אנהייב. אויף די אנדערע זייט פון די קרעמיטאריומס איז עולם הבא. מיר לעבן נישט אויף דער וועלט צוליב די וועלט.

און אויב וואלט נישט געווען קיין היטלער, מענטשן וואלטן סיי-ווי געשטארבן. רוב פון היטלער'ס קרבנות וואלטן שוין יעצט סיי-ווי געווען טויט. די עיקר איז עולם הבא וואס עס מאכט אויס.

דער אויבערשטער האט גענומען אסאך אידן וועלכע זענען נישט געווען באוואוסטזיניג אין אים, און זיי האבן אזויפיל געליטן אז זיי זענען געווארן אויסגעלייטערט דורך זייערע יסורים. זייער אסאך זענען געשטארבן מיט די פארשטאנד אז די דאזיגע וועלט איז פאלש. ס'איז אן אויסטערלישע הצלחה צו לערנען דעם לימוד.

זייער אסאך האבן געלערנט דעם לימוד אז די גוים זענען נישט אזוי גוט. ס'איז א וויכטיגער לימוד! זיי האבן געשעצט די דייטשן אן קיין עק! אבער יעצט האבן זיי געלערנט אז די דייטשן זענען חיות; זיי זענען די ערגסטע פון די מענטשהייט. דאס איז זייער א גרויסער לימוד.

און זיי זענען געגאנגען צו עולם הבא; און ווען די צייט וועט קומען וועלן זיי צוריקבאקומען נאכאמאל זייערע קערפער און זיי וועלן נאכאמאל אויפשטיין. **"ונאמן אתה להחיות מתים."**

אויב מען פארשטייט נישט אז ס'איז דא עולם הבא, קען

מען גארנישט פארשטיין װעגן די װעלט. נישט נאר די פאל פון די מיידל וואס איז געשטארבן אזא גלאררייכע טויט אויף קידוש ה' און איז גלייך געגאנגען באקומען איר שכר אין עולם הבא און זי זיצט אויף א גאלדענעם שטוהל און זי דערקוויקט זיך ביז די צייט וועט קומען ווען זי וועט צוריקבאקומען איר קערפער. נישט נאר איר; יעדער איינער וואס גייט אוועק פון דער וועלט איז די זעלבע זאך.

קיינער לאזט נישט איבער די וועלט מיט מזיק. עס איז אייביג אביסל אומבאקוועם צו שטארבן... און די נחמה איז אז מיר געבן נאר אוועק אונזער איבערראק – די קערפער איז בלויז אן איבערראק – בשעת מיר גייען אריין אינעם באנקעט-זאל און מיר האבן הנאה פון עולם הבא. מיר האפן אזוי. מיר האפן אז מיר זענען ווערד דערצו. און שפעטער, ווען די צייט וועט קומען וועט הקב"ה אונז צוריקגעבן אונזער איבערראק וואס מיר האבן אריינגעגעבן אינעם ווארט-צימער.

אלזא, אן פארשטיין דעם גאנצן בילד, די גאנצע פלאן פון עולם הבא וואס ערווארט נאך די וועלט, איז נישט דא קיין שום האפענונג צו ערקלערן די וועלט צו קיינעם. (#465)

### פראגע

## איז דער "מגן דוד" א אידישע סימבאל?

### ענטפער:

**אין** די לעצטערע דורות איז עס גענוצט געווארן דורך אידן אלס עפעס א סארט נאציאנאלע אידענטיטעט, אבער עס האט קיינמאל נישט פארנומען קיין **ערנסטע** פלאץ ביז ציוניזם איז געקומען און עס באקרוינט אלס זייער סימבאל. בעפארדעם האט עס פארנומען זייער א קליינע פלאץ אין דאס אידישע, רעליגיעזע לעבן.

במילא דארפט איר וויסן אז היינט צו טאגס איז יעדע ארויסשטעל פון א מגן דוד אייגנטליך א רעזולטאט פון די פראפאגאנדע וואס האט זיך אנגעהויבן דורך אידישע נאציאנאליסטן. מענטשן ווייסן דאס נישט. זיי זענען איינגערעדט אז די מגן דוד איז א אידישע צייכן; ס'איז נישט.

יעצט איך שטעל נאכאמאל קלאר אז עס **איז** למעשה געווען א אידישע צייכן צווישן אנדערע סימבאלן, אבער עס איז נישט געווען עפעס **ספעציעל**. אין קבלה ספרים טרעפט מען עס אויך. אבער אלס א נאציאנאלע צייכן און אלס דעם וועג וויאזוי מען נוצט עס היינט, איז עס בלויז אין רעזולטאט פון ציוניסטישע השפעה.

### פראגע

## ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, וואס איז געקומען פארדעם – דאס הינדל אדער די אייער?

### ענטפער:

**דאס** איז א גרויסע פראבלעם פאר די וויסנשאפטלער, אבער נישט פאר אונז. זיי האבן אן ערנסטע פראבלעם וואס זיי קענען נישט ענטפערן. וואס איז געקומען פארדעם? אויב די אייער איז געווען ערשט, איז נישט געווען קיין מאמע וואס זאל עס אויפקראכן. אבער אויב דאס הינדל איז געווען פארדעם, וויאזוי איז דאס הינדל אפירגעקומען? ס'איז אן ערנסטע פראבלעם פאר זיי.

דער עכטע ענטפער איז, ביידע זענען געווען פארדעם. דער אויבערשטער האט געזאגט "עס זאל זיין הינדלעך וואס זיצן אויף אייער." ווען די וועלט איז באשאפן געווארן איז תיכף געווען הינדלעך וואס זענען געזיצן אויף די אייער. דאס איז די איינציגסטע וועג צו לעזן דעם פראבלעם. אז נישט איז דא צופיל שוועריקייטן.

ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער עס געמאכט גרייט צו פונקציאנירן. גלייך פון אנהייב פון בריאת העולם. ער האט אריינגעלייגט מעטאל אין דער ערד; ער האט אריינגעלייגט אייזן אין דער ערד. ביימער זענען געוואקסן און טייכן זענען געפלאסן און הינדלעך זענען געזעסן אויף אייער. אלעס איז שוין דארט געווען.

פונקט ווי ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן. ער האט נישט געווארט אז עמיצער זאל אים ברענגען א פאר אויגן. ווי נאר ער איז געבוירן האט ער שוין געהאט אויגן. ער האט תיכף געקענט רעדן. ווי נאר די ערד איז באשאפן געווארן האט עס שוין געהאט אלעס וואס פעלט זיך אויס. דער אויבערשטער האט באשאפן "יש מאין" – אלעס פון גארנישט; אלעס איז פלוצלונג אריינגעקומען אין עקזיסטענץ. די גאנצע וועלט איז אויפאמאל געווארן, און ס'האט תיכף פונקציאנירט. און במילא איז די וועלט אויך געקומען מיט הינדלעך וואס זיצן אויף אייער. (E-171 #)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב